# סצענע 6 ג'
# Escena 6 C

## גיטל און גאָלדע אין געשעפֿט
## Guitl y Golde en la tienda

גאָלדע - גיטל, עס איז זייער איינגענעם דיך צו זען. שוין אַ לאַנגע צײַט האָבן מיר זיך נישט געטראָפֿן... וואָס הערט זיך בײַ דיר ?

גיטל - מע שלעפּט זיך... אַבי געזונט ! און וואָס מאַכסטו ?

גאָלדע - גוט, גוט. מײַן מאַן אַרבעט, מײַן זון און מײַן טאָכטער לערנען זיך...

גיטל- אוי, איך געדענק דײַן טאָכטער, זי איז די עלטסטע. וואָס מאַכט זי ?

גאָלדע - קיין עין-הרע זי איז זייער פֿײַן. זי איז שוין אַכצן יאָר אַלט, און זי איז סײַ אַ בריה,סײַ אַ קראַסאַוויצע... און וואָס הערט זיך מיט דײַנע קינדער ?

גיטל - מײַן טאָכטער, ציווקע לערנט זיך אויך. מאָטל, מײַן זון איז פֿינף און צוואַנציק יאָר אַלט און ער איז אַ בוכהאַלטער.

גאָלדע - אַ בוכהאַלטער ?

גיטל - יאָ, און גאָט צו דאַנקען פּרנסה האָט ער שוין. אַ ווילער בחור איז ער, אַ "מענטש" !

גאָלדע - פֿון אַזאַ משפּחה, מוז ער זײַן אַ "מענטש". און ער האָט שוין חתונה געהאַט ?

גיטל - וואָס הייסט חתונה געהאַט ? אַפֿילו קיין כּלה האָט ער נישט... און וואָס איז מיט דײַן רייזעלען ?

גאָלדע - אַ, אַזוי פֿיל מעלות אָבער קיין חתן האָט זי נאָך נישט.

גיטל - גאָלדע, אפֿשר אָרגאַניזירן מיר עפּעס ?

גאָלדע - גיטל, זאָג גאָרנישט... לאָמיר זיך אַלע טרעפֿן די קומענדיקע וואָך בײַ יאַנקלען אין רעסטאָראַן, זיבן אַ זייגער, אויף אָוונטברויט.

גיטל - גוט, זייער גוט ! עס וועט זײַן יענער סורפּריז !!!!